# שלום אַש

# אַ דאָרף-צדיק

## (פֿאָלקס-לעגענדע)

אין אַ טוי-באַדעקטן ים פֿון גרינעם גראָז ליגט ער באַהאַלטן, און פּאַשעט זײַנע שעפּעלעך, וואָס דער פֿאָטער האָט זיי אים איבערגעגעבן.

מען רופֿט אים „יאַשעק". ווי ער הייסט אין „ייִדיש" ווייסט ער אַליין אויך ניט. מען האָט אים קיין מאָל נאָך צו קיין „עליה" ניט אויפֿגערופֿן.

אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ פּויער, אַ גראָבער יונג. דער פֿאָטער זײַנער, יצחק מילכיקער, איז זיך אין גאַנצן פֿון אים מיאש; ער וועט נאָך אים אפֿילו קיין קדיש ניט קענען זאָגן. און נאָר יוצא צו זײַן האָט ער אים אַראָפּגעבראַכט אַ מלמד פֿון שטאָט.

דער מלמד אַרבעט מיט אים מיט אַלע כּוחות. הונדערט מאָל, הונדערט מאָל זאָגט ער איבער יעדעס וואָרט, און ער, אַזוי ווי ניט אים וואָלט מען געמיינט – קמץ אלף זאָל דיר זײַן „גוט וואָך"!

– גיי האָב צו טאָן מיט אַן אייזל-קאָפּ, זאָגט דער מלמד און שאָקלט מיטן קאָפּ, און די מוטער קוקט אויף איר זון, און קרעכצט.

מען הייסט אים אפֿילו ניט קיין סידור נעמען. דאַוונען? ער, „יאַשעק", וועט דאַוונען? ווו קומט ער צו גאָט? אַ חרפּה פֿאַר זײַן ליבן נאָמען, ער זאָל קריאת-שמע זאָגן!

און דאָך פֿאַרשטייט יאַשעק גאָט לויט זײַן פֿאַרשטאַנד און פֿילט אים אין זײַן האַרץ.

און ער זעט גאָט אומעטום, אומעטום ווו ער טוט אַ קוק מיט זײַנע אויגן: ער זעט אים דאָרט, ווו דאָס וואַסערל גיסט זיך אין דער שטיל און דערציילט סודי-סודות דער שטילן רויִקן באַגראָזטן ברעג; און פֿון דאָרט ווײַט קומט דער וואָלקן, און ציט זיך איבערן הימל מיט אַ טרויעריקע טונקלהייט, דעמאָלט שפּירט ער עפּעס, וויל ער עפּעס, בענקט ער נאָך עפּעס...

ווען עס גייט אַ גרויסער וואָלקן, עס שלאָגט אַ דונער, עס בליצט... צו אַ רעגן גיסט... אָדער אַ שווערער געפּיל הילט אײַן דאָס דאָרף, ווי אַ מאָל, ווען מען האָט דעם אַלטן מאַטשעק אַפּירגענומען פֿון אונטער דער שנײַד-מאַשין און פֿון אונטערגעהאַקטן פֿוס האָט בלוט געראונען... דאָס דאָרף טרויערט... דעמאָלט, דערשפּירט ער גאָט! און ניט אין הימל ווינט גאָט, און ניט אויפֿהייבן דעם קאָפּ צום הימל דאַרף מען, מען זאָל אים זען; ניין, אים דאַכט זיך, אַז גאָט ווינט ערגעץ ווײַט, ווײַט, אין אַ גרויסער שטאָט, דאָרט, ווו דער גרויסער שׂררה פֿון דאָרף ווינט, און ווו אַלע גרויסע שׂררות און גרויסע לײַט ווינען. און די אַלע גרויסע שׂררות, און גרויסע לײַט זײַנען ניט מער, ווי גאָט'ס „פּאַראָבקעס", אַזוי ווי סטאַך און וואָיטעק זײַנען פּאַראָבקעס בײַם „פּריץ" פֿון דאָרף.

אָבער ער, ווי קומט ער צו גאָט? אפֿילו ניט צו זײַן זײַנס אַ פּאַסטוך! אַ פּאַסטוך בײַ גאָט, טראַכט ער בײַ זיך, מוז אויך זײַן אַ גרויסער „פּאַן", אַ פּריץ אַ גרויסער! און ווער ווייסט צו דער פּריץ פֿון זייער דאָרף איז כאָטש אַ קוטשער בײַ גאָט'ס פֿערד? ווער מען אים, יאַשעקן, צולאָזן?

נאָר טייל מאָל, ווען דער הימל איז ריין און הייל, און רועט פֿאַרחלומט, אין אַ בלויען פֿליסנדיקן שלייער, און די גרעזער וואַקסן זיך אונטער במנוחה, און אַרײַנגעוואָרצלט איז דאָס גרעזל אין דער ערד, און קוקט זיך שטיל אין הימל אַרײַן, און דאָרט קעגנאיבער שטייט דער אַלטער וואַל – דער גרינער זיידע פֿון דאָרף, און דאָרט ווײַטער ציט זיך צווישן די גראָזן דער וועג, אַ פֿור פֿאָרט, און אַ ייִד גייט ערגעץ ווײַט... און פֿון אויבן דער הימל ציט זיך אויך ערגעץ ווײַט אַוועק און גייט וואָס אַ מאָל נידעריקער, נידעריקער, ביז ער לאָזט זיך אין גאַנצן אַראָפּ אויף דער ערד... און ער, יאַשעק, זיצט זיך אויף דער שוועל פֿון דער „סטאָדאָלע" און קוקט... דענסטמאָל דאַכט זיך אים, האָט זיך גאָט אַ ביסל

אַרײַנגעכאַפּט פֿון די „שׂררות‟, פֿון די פּריצים, און איז זיך דאָ אַליין אַהער געקומען אין פֿעלד אַרײַן, אויסגעצויגן זיך און ליגט זיך אַזוי און וואַרט...

און יאַשעק וויל אַ דאַנק און אַ לויב אָפּגעבן פֿאַר דעם אַלעס, אָט וואָס איז אַרום און אַרום.

און טייל מאָל ווילט זיך אים גייען און גייען אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אָנקומען דאָרט צו דער גרויסער שטאָט, וווּ גאָט וווינט, וווּ זײַן פּאַלאַץ שטייט!

– וועל איך צוגיין און אַ קוש טאָן גאָט אין האַנט אַרײַן! – טראַכט ער זיך.

נאָר באַלד זיפֿצט ער אָפּ:

– מען וועט מיך דען צולאָזן?

ער קען צוקומען, טראַכט ער, צו גאָט'ס פּאַלאַץ, נאָר דאָרט שטייען „שווייַצער‟, אַזוינע הויכע מיט בלויע סטענגעס, גלעלע איבערגעלעגטע שטיוול און רויטע פֿרעק, אַזוינע ווי ער האָט געזען בײַ די פּריצים, וואָס זײַנען געקומען צו זײַן פּריץ אויפֿן דאָרף אויף אַ באַל – און זיי וועלן אים אַוועקיאָגן...

און באַלד דאַכט זיך אים, אַז מען דאַרף ניט גייען, אַז גאָט איז אויפֿן פֿרײַען פֿעלד, אַז די שווייַצער היטן אַ לייערן פּאַלאַץ, אָן גאָט!

– „אל מלך נאמן‟ לערנט אים דער רבי פֿון סידור... און דער אל-מלך-נאמן, דאַכט זיך אים, איז עפּעס אַ מין שפּראָך, וואָס, אַז מען זאָגט אים, דאַרפֿן די שווייַצער אַרײַנלאָזן אין גאָט'ס פּאַלאַץ...

אָבער צו גאָט האָט ער אַן אַנדער מין געבעט, אַ געבעט אָן ווערטער, אַ געבעט וואָס וואַקסט בײַ אים אין האַרץ און דערפֿילט דאָס האַרץ און איבערפֿילט עס און רײַסט זיך אַרויס מיט אַ פֿײַף!

ער וויל בעטן, לייגט ער צוויי פֿינגער אין מויל אַרײַן, שטעלט אויף די ליפּן, גיט אַ בלאָז. און זײַן תּפֿילה הילכט אין גאַנצן וואַלד!

און גאָט פֿאַרשטייט אים, פֿאַרשטייט זייער גוט זײַן געבעט!

און ער פּײַפֿט נאָר דעמאָלט, ווען עס ווילט זיך פּײַפֿן צו גאָט, ווען ער פֿילט אַז מען ברויך פּײַפֿן...

און גאָט, דאַכט זיך אים, ליגט ערגעץ ווײַט, ווײַט אויפֿן פֿרײַען שמעקנדיקן פֿעלד און הערט זיך אײַן, ווי ער פּײַפֿט, און האָט הנאה פֿון זײַן פּײַפֿן, און פֿרייט זיך דערמיט.

און ניט ער אַליין פּײַפֿט! אַלע, ווייסט ער, „פּײַפֿן". אַז „נאָסיק" דער דאָרפֿס-הונט הייבט אָן פֿלוצלונג צו בילן, וואַרפֿט מיטן וויידל, קוקט אין הימל אַרײַן און בילט – זאָגט ער: „נאָסיק" דאַוונט; אַז די „ווײַסע" גייט אַהיים פֿאַרנאַכט פֿון פֿעלד, שטעקט די באַגײַוועטע צונג אַרויס, און גיט אַ לאַנגן, טרויערדיקן בעטש: מע-ע-ע, טראַכט ער: די „ווײַסע" דאַוונט. דער „באָלאַן" דאַוונט אויף אַן אַנדער אופֿן: ער צעבריקעט זיך, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פֿיס, בייגט שטייף דעם קאָפּ אויס: באָר-ר-ר! אַלע דאַוונען, אפֿילו די פֿרעש אין וואַסער... איינער רוימט אײַן דער צווייטן: קוואַ, קוואַ!

– יאַשעק איז שוין אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר, קריאת-שמע קען ער נאָך ניט זאָגן, און עס איז פֿאַר ראש השנה.

און דער רבי אַרבעט מיט יאַשעקן כאָטש אויף הײַיאָריקן ראש השנה נאָר בלויז קריאת-שמע זאָגן – מען זאָל אים קענען מיטנעמען אין שטאָט אַרײַן.

און לכּבֿוד יום-טובֿ האָט מען יאַשעקן געקויפֿט אַ נײַעם צײַגענעם אָנצוג, אַ פּאָר שטיוול, און אַ נײַ היטל...

זאָל ער כאָטש קריאת-שמע זאָגן.

– פֿול אָנגעפּראָפּט אין די שול; קליין און גרויס, אַלע אָנגעטאָן אין ווײַסן, אַריבערגעצויגן מיט די טליתים, אַלע

שטייען און שאָקלען זיך, און שרײַען, און רופֿן, אַלץ העכער און העכער.

בײַם עמוד, ווו עס ברענען זיך די זיבן גרויסע וואַקסענע ליכט, שטייט דער חזן מיט משוררים... לאַנגע וויינענדיקע טענער און באַגלײַט מיט האַלבע אָפּגעריסענע דערשטיקטע קולות לאָזן זיך הערן:

– מי לחיים, ומי למות...

און אַ פֿאַרשטיקט וויינען רײַסט זיך אַרויס מיט אַ מאָל פֿון דער ווײַבערשול. און יאַשעק שטייט אָנגעטאָן אין צײַגענעם אָנצוג, די העלע האָר לאָזן זיך אַרויס פֿון דער אַרויפֿגערוקטן היטל. ער שטייט, פּלוצים רירט ער זיך פֿון אָרט, שפּאַרט זיך אַרויף אויבנאָן, שטעלט זיך אין דער זײַט קעגנאיבער דעם חזן, דער סידור, וואָס דער פֿאָטער האָט אים געגעבן, מען זאָל כאָטש מיינען, אַז ער דאַוונט, גליטשט זיך אים פֿון דער האַנט אַרויס, און ער שטייט מיט ווײַט-געעפֿנטע אויגן, און קוקט.

אַ פּאָר ווילע יונגען באַמערקען יאַשעקן, איינער ווינקט צום צווייטן, ווײַזן אויף אים, לאַכען אין דער שטיל, באַלד גייט איינער צו און גיט אים אַ שנעל אין נאָז.

ער הערט ניט, פֿילט ניט! ער שטייט, גלאָצט מיט די אויגן, אַ מאָל אויף דעם חזן, אַ מאָל אויף די וויינענדיקע ייִדן. אָט זייט ער דאָס ווײַסע פּרוכת וואָס הענגט בײַם ארון, מיט די גרויסע גאָלדענע אותיות: „קודש לה׳״.

גאָט מוז אַצונד זײַן – דאָרט, דאָרט אונטערן פּרוכת, טראַכט ער בײַ זיך.

און פֿון דער ווײַבער-שול קוקט אַראָפּ זײַן מוטער, זי באַמערקט איר בן שטייט און גלאָצט, דער סידור גליטשט זיך אים פֿון דער האַנט אַרויס – און די ייִדענע קרעכצט, טראַכט זיך אין האַרץ:

– פּויער, אַ געבוירענער גוי.

און דער פֿאָטער וואַרפֿט אויף אים אַ בליק פֿון אונטער דעם טלית, קרעכצט שווער אָפּ:

– רבונו של עולם, געדענק אָן אים אויך!

און יאַשעק שטייט, און גלאָצט. אַלע וויינען, אַלע דאַוונען, אַלע רופֿן צו גאָט און אים פֿאַרווילט זיך אויך!

ער וויל אויך בעטן צו גאָט. ער וויל אויך, ניט וויינען, ניט שרײַען, נאָר דאַנקען און לויבן גאָט וויל ער! פֿאַר אַלעם, פֿאַר אַלעם דאַנקען!

ער כאַפּט צוריק אויף דעם סידור, נעמט זיך צו דער פֿאַרצייכנטער קריאת-שמע, הייבט אָן:

– א-ל, מ-ל-ך נ-א-מ-ן...

עס האַרצט אים אָבער ניט אַזאַ תפֿילה.

ער פֿאַרשטייט זי ניט. דאָס איז נאָר אַ שפּראָך, אַ טרוקענער שפּראָך...

ער וויל דאַנקען און לויבן ערלעך, געטריַי פֿון האַרץ –

און ער האָט מורא פֿאַרן עולם, פֿאַרן גרויסן עולם, וואָס דאַוונט גאָר אַנדערש, נאָר די תאווה איז שטאַרקער פֿאַר אים – און גאָט איז העכער פֿאַר אַלעם! ער מוז!

און ער לייגט די פֿינגער צום מויל –

און אַ שאַרפֿער פֿײַף שנײַדט דורך די וויינענדיקע שול...

– דער עולם דערשרעקט זיך.

ווער איז? וואָס איז? ווער פֿײַפֿט אין מקום קדוש?

דער פֿאָטער וויל אים אָנכאַפּן בײַם אַקסל און „דרויסן” – דער עולם וויל אים שלאָגן...

נאָר פּלוצים דרייט זיך איבער דער הייליקער צדיק פֿון דער מזרח-וואַנט און פֿרעגט:

– ווו איז ער דער צדיק, וואָס האָט דעם גזר-דין צעריסן? וואָס האָט דעם הימל געלעכערט און דורך די בלייַערנע וואָלקן אונדזערע תּפֿילות אַרויפֿגעפֿירט?

– נאָר דער צדיק איז שוין ניט געווען...

ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון שול, געוואָרפֿן די שטיוול איבער די אַקסל און שפּרייַזט שוין צוריק אין דאָרף אַרייַן.

Copyright © 2007 Leonard Prager
All Rights Reserved